גוט שבת אלע אידן. פאר אסאך יארן פלעגט ר׳ שמאול גוטפארב ז״ל (זיין עכטע נאמען) גיין צו דעם שערי צדק שפיטאל אין ירושלים וואו ער האט געלייגט תפילין און געזאגט קריאת שמע מיט די חולים. איין טאג איז ר׳ שמואל געווען אין שפיטאל און ער איז געגאנגען לעבן די צימערן און ער האט אויסגערופן: ״ווער וויל לייגן תפילין? ווער וויל לייגן תפילין?״

אין איינער פון די צימערן האט אן עלטערער איד, וואס האט נעבאך נישט געטראגן קיין קאפעל, גערופן צו ר׳ שמואל אז ער וויל טאקע לייגן תפילין. ר׳ שמואל איז אריבערגעגאנגען צום איד און ער האט גענומען שמועסן מיט אים אפאר מינוט. יענער איד האט געהייסן ״מנחם סאבעל״ (נישט זיין עכטע נאמען). מנחם איז געבוירן געווארן אין פאנעוויץ, אבער נאכדעם וואס די שטאט איז חרוב געווארן אין די מלחמה, איז ער געגאנגען וואוינען אין ווילנע. עטליכע יארן פריער איז ער געקומען סוף כל סוף וואוינען אין ארץ ישראל.

ר׳ שמואל האט דערזען אז מנחם איז בכלל נישט געווען באקאנט מיט תפילין. עס האט אויסגעקוקט ווי ער האט אפילו קיינמאל נישט אין זיין לעבן געלייגט תפילין רח״ל! ווען ר׳ שמואל האט אים געגעבן דעם סידור ארייינצוקוקן צו ליינען קריאת שמע בשעת ער איז געווען אנגעטון מיט די תפילין, האט מנחם געהאלטן דעם סידור פארקערט, ווייזענדיק אז ער האט נעבאך נישט געקענט אפילו ליינען לשון קודש.

ר׳ שמואל האט זיך אראפגעזעצט און ער האט גענומען ליינען קריאת שמע ווארט ביי ווארט, כדי מנחם וועט אים קענען נאכזאגן. נאכדעם וואס ר׳ שמואל האט צוזאמענגעלייגט די תפילין, האט ער געפרעגט מנחם וועגן דעם לעבן אין פאנעוויץ פאר די מלחמה און אין ווילנע נאכדעם. ״לאמיר דיך דערציילן וועגן רב יצחק– ער האט אויך געהייסן רב איטשעלע פאנעוויצער, דער רב פון פאנעוויץ אינדערהיים.״

ר׳ שמואל האט אלעס צוגעהערט מיט גרויס ערשטוינונג. ווי אזוי וועט דער איד מנחם וואס האט גארנישט געוואוסט פון אידישקייט, דערציילן וועגן דעם באקאנטען תלמיד חכם רב איטשעלע ז״ל. דאן האט מנחם גענומען טאקע דערציילן:

״יעדעס יאר, אין די ערשטע יארן נאך די מלחמה האט זיך געענדיגט, פלעגן איך מיט אן אנדערען יתום פארן פון ווילנע קיין פאנעוויץ. מיר זענען נאר געפארן קיין פאנעוויץ כדי צו גיין צו דער אלטער בית החיים וואו אונזערע געהרגעטע עלטערן זיינען נעבאך באגראבן געווארן צוזאמען מיט פערציג אנדערע אידן אין א ריזיגן קבר, הי״ד. די רייזע איינמאל א יאר איז געווען די איינציגסטע רוחניותדיגע שייכות וואס איך האב געהאט מיט מיינע עלטערן. (ד״ה, ער האט אפילו נישט געזאגט קדיש אדער געלערנט קיין משניות פאר זייערע נשמות.)

איין יאר ווען מיר האבן באזוכט דער בית החיים האבן מיר געזען א ריזיגען צייכן וואס אויף דעם איז געשטאנען: ״אין זעכציג טעג ארום, וועט די גאנצען פעלד געאקערט ווערן צו מאכן א גרויסען פארק. אויב איר ווילט מפנה זיין איירע באליבטע כדי צו קענען זיי באגראבן ערגעץ אנדערש, זאלט איר עס טון ביז זעכציג טעג!״

מיר זענען געווען איבערראשט און זייער דערשראקן. מיר האבן געשפירט אזוי ווי די נשמות פון די קדושים האבן אונז גערופן פון דעם ערד און אונז באשווירן זיי נישט צו פארלאזן אזוי.

מיר האבן געפלאנט צו ברענגען א טראק מיט עטליכע ארונות כדי צו באגראבן אלע פון זיי בדרך כבוד אין ווילנע. מיר האבן געטראכט אז מיר וועלן בייקומען אונזער גרויסע מורא און פחד און מפנה זיין די קברים מיט זריזות.

איך בין געווען אליינס אויפן וועלט, אן קיין עלטערן און איך האב אפילו נישט געוואוסט פונקטליך וואס איז געשען צו מיין משפחה. אבער, איך האב געטראכט אז דאס איז געווען מיין תפקיד אין לעבן, צו ראטעווען די אידישע קברים, און אפשר נאר וועגן דעם האב איך אליינס איבערגעלעבט די מלחמה.״

מנחם האט אפגעשטעלט דערציילן זיין מוראדיגען מעשה. ר׳ שמואל האט געטראכט בשעת ער האט צוגעהערט מנחם׳ס מעשה: דאס איז דער זעלבער איד וואס האט נישט געוואוסט ווי מען לייגט תפילין און ווי מען ליינט קריאת שמע?!?

״דערנאך האבן מיר געענדיגט מפנה זיין די קברים וואו אונזער עלטערן זענען געליגן,״ האט מנחם געזאגט ווייטער, ״אבער אין יענע בית החיים זענען אויך געווען באגראבן אנדערע אידן, למשל עטליכע גרויסע רבנים. איך האב געגעבן א דריי צו מיין חבר און אים געפרעגט: ׳ווי אזוי קענען מיר זיין אזוי חוצפהדיק צו נעמען נאר אונזערע משפחות און חברים און פארלאזן דעם גרויסען רב׳ס קבר דא?!?׳ מיין חבר האט גלייך מסכים געווען צו ארויסנעמען דעם קבר פון דעם באקאנטען רב פון פאנעוויץ רב יצחק אייזיק פאנעוויץ – רב איטשעלע פאנעוויצער. דאן האב איך באמערקט א צווייטע מצבה, פון אן אנדערען רב. אויף יענע מצבה איז געשטאנען די יאר ת״ר און דעם נאמען ׳רב יצחק הלוי,׳ דער פריערדיגער רב פון פאנעוויץ. מיר האבן גלייך אנגעהויבן צו מפנה זיין זיין קבר אויך.

אין ווילנע האבן מיר אנגעגרייט נייע קברים און מען האט באגראבן די קדושים דארט. די ארונות פון הרב

יצחק הלוי ז"ל און רב איטשעלע פאנעוויצער ז"ל, האבן מיר געלייגט לעבן די קברים פון דעם ווילנער גאון ז"ל און רב חיים עוזר גראדינסקי ז"ל. מיר האבן ממש געציטערט פון פחד פון דעם גאנצען עסק. אבער מיר האבן געשפירט אז מיר האבן געטון וואס מען האט געדארפט טון..." האט מנחם אויסגעפירט דערציילן זיין מעשה מיט גרויס התרגשות אין זיינע שטימע, (אפילו דער מעשה איז געשען מיט עטליכע פערציג יאר פריער.)

"עטליכע יארן נאכדעם ווען מיר האבן נאך געוואוינט אין ווילנע," האט מנחם ווייטער דערציילט צו ר' שמואל, "איז א רב, הרב פינחס טייץ שליט"א פון עליזאבעט, ניו דזשערסי, געקומען אויף א באזוך אין ווילנע. הרב טייץ האט מיך גערופן דעמאלט אין ווילנע און ער האט מיך געזאגט, "איך בין אקטיוו אין ראטעווען די קברים פון די רבנים און צדיקים אין ליטע. איך האב געהערט אז דו האסט געהאט די זכיה צו אריבערברענגען דעם קבר פון רב איטשעלע פאנעוויצער זי"ע. איך בין אין ווילנע יעצט און איך וויל דיך באצאלן עפעס דערפאר.' האט דער רב געזאגט צו מיר אויפן טעלעפאן.

'אויב איך האב באמת געטון א גוטע זאך,' האב איך אים געענטפערט, 'וועט דער באשעפער מיך צוריק צאלן. איך דארף נישט קיין מתנות.' האב איך אים געזאגט אויפן דעמאלט.

באלד דערנאך האב איך זיך געטראפן מיט הרב טייץ מיט זיין רביצן און זיין זון אין זייער האטעל אין ווילנע, עס איז געווען זייער א דערהויבענע טאג צו טרעפן דעם רב, [ווייל אין יענע יארן איז ווילנע געווען א וויסטע פלאץ לגבי אידישקייט. עס איז כמעט נישט געווען קיין אידישקייט דארט.]

"יארן שפעטער," האט מנחם ווייטער דערציילט צו ר' שמואל בשעת זיי זענען געזיצן צוזאמען אין דעם שערי צדק שפיטאל אין ירושלים. "איז מיין עלסטער זון געגאנגען שטודירען דעם דאקטארשאפט, און ער איז טאקע געווארן א דאקטאר. ער האט ב"ה חתונה געהאט. איין טאג אפאר יאר שפעטער האט מען מיין זון געשיקט שטודירען ווייטער אין אמעריקע, אין שטאט עליזאבעט, ניו דזשערסי.

איין שבת ווען מיין זון איז געגאנגען אויפן גאס אין עליזאבעט, האט ער געזען א גרופע פרומע אידן גייענדיג אויפן גאס מיט איינער וואס האט אויסגעקוקט אזוי ווי א רב. ווען דער רב האט געזען מיין זון, איז דער רב שנעל אריבערגעגאנגען צו אים און ער האט אנגעוואונטשן א ווארעמע גוט שבת און שלום עליכם. מיין זון האט נישט גלייך דערקענט דעם רב. עס קומט אויס אז יענער רב איז געווען רב טייץ, און ער האט דערקענט מיין זון אויף די גאס, אפילו דער רב האט אים נישט געזען עטליכע יארן פריער פאר א קורצע צייט אין זיין האטעל אין ווילנע. זיי האבן געשמועסט אפאר מינוט און רב טייץ האט מיין זון מיט זיין משפחה איינגעלאדענט אויף א שבת סעודה.

דערנאך, זענען מיין זון מיט זיין משפחה געקומען אסאך מאל עסן די שבת סעודות ביי רב טייץ. צוביסלעך האט מיין זון זייער שטארק געהאלטן פונעם רב. נאך א שטיק צייט, האט ער מיט זיין בני בית געדרייט אינגאנצען זייער לעבן צום אידישקייט. ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען, האב איך נישט געקענט אים דערקענען. ווייל ער האט געטראגן א גרויסען קאפעל, ציצית און א לאנגע בארד!

"איך וויל דיך זאגן," האט מנחם ווייטער דערציילט צו ר' שמואל, "אז איך בין זייער צופרידן וועגן אלעס וואס איז געשען מיט אים. מיין אייניקל לערנט יעצט אין א תלמוד תורה און ער גייט ווערן א רב איין טאג!" האט מנחם געזאגט מיט א גרויסע שמייכל אויף זיין פנים. "צו דען איז עס נישט זייער אינטערעסאנט... איך האב אריבערגעברענגט די פאנעוויצע קדושים יארן צוריק, און יעצט וועט מיין אייניקל ווערן א רב!" האט מנחם דערציילט מיט א תמימות.

די היינטיגע פרשה רעדט וועגן חסד. די פרה אדומה איז געווען א בחינה פון "מטהר טמאים, ומטמא טהורים." ד"ה אפילו אז די פרה אדומה האט געמאכט א טמא'נע מענטש טהור, אין דעם זעלבען צייט האט עס געמאכט טמא דער כהן וואס איז געווען טהור. אין די פרשה ליגט איינע פון די יסודות פון זיין א איד. דאס הייסט, מען מוז טון חסד פאר א צווייטן, בפרט ווען טון דעם חסד איז א טרחה. אזוי ווי דער כהן האט אוועקגעגעבן פון זיך צו העלפן אידן, אזוי דארפן אונז טון. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט. מנחם איז געווען א פשוטער איד, אבער דורך טון א חסד של אמת מיט די קברים אין פאנעוויץ האט ער זוכה געווען אז ער זאל האבן ערליכע קינדער און אייניקלעך. **גוט שבת אלע אידן.**

# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** דער פאלגענדער מעשה איז געשען פיר און פופציג יאר צוריק אין ירושלים, עיר הקודש. עס איז געווען א יונגערמאן וואס האט געהייסן "חיימקע." איין טאג האט חיימקע געטראפן זיין חבר א יונגערמאן וואס האט געהייסן יענקל. יענקל איז געזיצן אויף דעם באנק פון א באס סטאפ און ער האט אויסגעקוקט זייער נישט בשמחה.

"שלום עליכם, יענקל! וואס איז געשען מיט דיר? דו זעסט אויס אזוי ווי דו טראגסט די וועלט'ס דאגות אויף דיינע פלייצעס!" דער יונגערמאן יענקל האט ארויפגעקוקט טרויעריקערהייט און געזאגט צו זיין חבר, "מיין דאגות זענען גענוג, רב חיימקע. ווער דארף די וועלט'ס דאגות?"

מיט א גרויסע קרעכץ האט יענקל זיך גענומען דערציילן פאר חיימקע וואס פאר א שווערע מצב איז אין זיין הויז, ל"ע. די פארב (פיינט) קומט אראפ פון די ווענט, און עס זענען דא לעכער אין די ווענט. די טירן פארמאכן זיך נישט און די פענסטערס עפענען זיך נישט. אלע קינדער שלאפן אין איין צימער. און עס איז הייס, און עס קומט נישט אריין פרישע לופט אין די דירה. אפילו די וואסער ארבעט נישט גוט. דאס בעבי וויינט א גאנצע נאכט און עס איז נישט דא קיין שטיקל ברויט אין שטוב! איך בין געגאנגען צו דעם "משׂרד" וואס האט אחריות אויף טיילן די ביליגע דירות (אזוי ווי סעקשאן עייט) די ארבעטערס אין יענע אמט (אפיס) וואס טיילן די דירות האבן געזאגט אז איך בין דער נעקסטע אויפן ליסט צו באקומען א נייע דירה."

"זייער גוט... דו ביסט דער נעקסטער אויף די רשימה," האט חיימקע געזאגט, פרובירנדיג צו זיין פאזעטיוו מיט זיין צובראכענעם חבר. "אבער ווען איך בין געגאנגען צו זייער אפיס היינט אינדערפרי," האט יענקל געזאגט ווייטער, "האבן זיי מיר געזאגט אז איך דארף ווארטן נאך זעקס חדשים! און אפילו בעפאר דעם וועלן זיי איינעם אראפשיקן צו מיין הויז אויף א 'ביקורת' צו זעהן אויב איך דארף באמת א נייע דירה אדער נישט." יענקל'ס שטימע איז צוביסלעך שטיל געווארן ווען ער האט געטראכט וועגן זיין ענגע מצב.

פלוצלונג האט חיימקע געהאט אן איינפאל. "הער צו יענקל! איך האב אן עצה. איך וועל דיר נעמען צו מיין רבי'ן. דו וועסט אים זאגן דיינע פראבלעמען און מיט דעם אייבערשטענ'ס הילף און דעם רבי'ן'ס עצות און ברכות וועסטו אי"ה זוכה זיין צו א ישועה!"

עס האט גענומען צייט, אבער סוף כל סוף האט יענקל מסכים געווען צו גיין זעהן דעם רבי. "דו קענסט גארנישט פארלירן מיט גיין," האט חיימקע געזאגט. "מיין רבי איז זייער הייליג און ער האט פיל מענטשן שוין געהאלפן מיט זיינע ברכות." האט חיימקע אויסגעפירט.

באלד זענען די צוויי חברים געווען אויפן באס קיין צפת, צו זעהן חיימקע'ס רבי. ארום פיר שעה שפעטער האט יענקל געפירט חיימקע צו אן אלטע חצר אין צפת. זיי זענען געגאנגען לעבן אסאך חסידים וואס זענען צוזאמענגעקומען אין דעם רבי'ן'ס הויף און דאן זענען זיי ארויפגעגאנגען צום רבי'ן'ס שטוב, אויף ענגע שטיגן געמאכט פון שטיינער.

זיי האבן געדארפט אדורכגיין אסאך צימערן כדי אנצוקומען צום רבי'ן. חיימקע האט אים געפירט ווייל ער געקענט דעם פלאץ, און יענקל איז נאכגעגאנגען מיט גרויס ערשטוינונג ווייל ער האט קיינמאל געזען אזא פלאץ. אט אט זענען זיי אנגעקומען צו א שווערע טיר. א גרויסער שטארקער מענטש, א גבאי איז דארט געשטאנען. "שלום עליכם, ברוך," האט חיימקע געזאגט. "עליכם שלום חיימקע," האט ברוך געענפערט. "אה! דער רבי וועט זיך זייער פרייען דיר צו זעהן." האט דער גבאי געזאגט צו חיימקע.

דער רבי'ס פנים האט זיך טאקע אויפגעלאכטן ווען ער האט באמערקט חיימקע מיט זיין גאסט. נאכדעם וואס זיי האבן זיך אראפגעזעצט האט חיימקע דערציילט פארן רבין פארוואס זיי זענען געקומען. דער רבי האט געפרעגט יענקל אפאר פראגעס, למשל די נעמען און די עלטער פון זיינע קינדער, וואס פאר אן ארבעט טוט ער, ווי לאנג די באס רייזע האט גענומען–אבער גארנישט האט ער געפרעגט וועגן יענקל'ס דירה. דערנאך האט דער רבי געשמייכעלט. "זארג זיך נישט, דו וועסט האבן ברכה און הצלחה." יענקל איז נישט געווען אזוי צופרידן. ער האט געוואלט אז דער רבי זאל זאגן "דו וועסט שוין האבן א נייע דירה," אבער דאס איז נישט געשען. ווען זיי האבן זיך אויפגעשטאנען ארויסצוגיין, האט דער רבי אויפגעהויבן א פרישע, רויטע, שיינע אפעל פון א פרוכט טעלער וואס איז דארט געווען אויפן טיש, און דער רבי האט געזאגט צו יענקל, "נעם דעם אפעל פאר דיין משפחה'ס פרישטיק מארגן."

יענקל האט גענומען דעם אפעל, באדאנקט דעם רבי'ן און געטראכט צו זיך "ווער דארף אן אפעל? איך דארף א נייע דירה," אבער יענקל האט זיכער נישט געזאגט דאס וואס ער האט געטראכט.

"מוראדיג!" האט חיימקע געזאגט ווען זיי זענען צוריקגעגאנגען דורך די אלע שטיבער, צוריקגייענדיק פונעם רבי'ן'ס הויז. "נישט נאר האסטו באקומען א ברכה, נאר דו האסט אויך באקומט אן אפעל, דאס איז נישט קיין קלייניגקייט!"

עס איז געווען שפעט ביינאכט ווען יענקל איז צוריק אהיימגעקומען צו זיין דירה אין ירושלים. אויף די קליינע טיש אין די קאך האט יענקל געטראפן א טעלער מיט די איבריגע נאכטמאל. זיין געטרייע רביצן האט אוועקגעלייגט זיין פארציע ביז ער וועט אהיימקומען. דאס עסן איז געווען איין הארטע שטיקל ברויט און איין סארדין (קליינע פיש). ער האט געקוקט אויפן אפעל און געשאקלט זיין קאפ. ניין, ער קען עס נישט עסן יעצט, ווייל דער רבי האט געזאגט אז עס איז פאר פרישטיק און די גאנצע משפחה האבן געדארפט טועם זיין פון עס.

די נעקסטע טאג צופרי, האט יענקל געוויזן די שיינע אפעל פאר זיין רביצן. "קוק, דאס האט אונז דער רבי געשיקט פאר פרישטיק." יענקל האט שנעל אויפגעוועקט די קינדער דערציילענדיג וועגן דעם אפעל. ווען אלע קינדער זענען געווען ארום דעם טיש אין קאך, האט יענקל הויך געזאגט: "יעצט גיי איך אויפשניידן דעם אפעל פאר אונזער משפחה. און איך וויל הערן א הויכע און קלארע ברכה פון יעדען איינעם." יענקל האט אויסגעטיילט שטיקלעך, און יעדער האט שיין געמאכט א ברכה אויף די מורא'דיגען "מן" וואס איז געפאלן צופרי.

פלוצלונג האט די טיר זיך געעפענט. ווער קען עס זיין??!? יעדער איינער איז איבערראשט געווארן צו זעהן א פרעמדען מענטש שטיין דארטביים טיר. יענקל האט אים דערקענט. ער איז געווען אן ארבעטער פון יענעם שטאטישע דירה אפיס.

"אנטשולדיגט מיר ביטע!" האט דער מענטש געזאגט. "איך האב קיינמאל נישט געגלייבט אז איר דארפט א נייע דירה אזוי שטארק! איך בין דא געקומען שטילערהייט צו קוקן אויפן מצב, און איך האב געהערט פון אונטער די טיר ווי דו האסט צוטיילט איין אפעל פאר די גאנצע משפחה! איך פיל זייער שלעכט וועגן אלע מאל וואס דו ביסט געקומען צום אפיס צו בעטן א נייע דירה. מארגן וועט דיין משפחה זיין אין א נייע דירה, מיט נייע מעבל,באקוועמע בעטן, און א טיש פארן קאך וואס איז נישט צובראכן וכו'. זיי מיר ביטע מוחל!"

יעצט האט יענקל ענדליך פארשטאנען פארוואס חיימקע האט אים גענומען צו זיין רבי'ן, און פארוואס דער רבי האט אים געגעבן די "געבענטשטע אפעל!" און מט דעם האט יענקל מער געגלייבט אין דעם כח פון צדיקים.

פון דעם מעשה זעט מען דעם גדלות פון צדיקים, וואס זיי זענען זיך משתתף אין די צרות פון אידן, רח"ל. און נאך מער, די צדיקים זענען סניגורים פאר אידן אין שווערע מצבים, ל"ע. מען זעט אפשר דעם ענין אין די וואכעדיגע סדרה. נאך די מעשה פון קרח, האבן די בני ישראל געטענה'עט קעגן משה און אהרן אז זיי האבן געהרגעט אידן. דאן האט זיך אנגעהויבן א מגיפה און טויזענטע אידן זענען געשטארבן. אפילו די אידן וואס האבן געטענה'עט קעגן משה און אהרן, זענען נישט געווען גערעכט, האט משה רחמנות געהאט אויף זיי און ער האט געהייסן אהרן "קח את המחתה וגו'..." ד"ה מען זאל שנעל ברענגען קטרת כדי צו מכפר זיין אויף די אידן. ד"ה אז דער צדיק משה רבינו ע"ה האט געהאלפן אידן וואס האבן געליטן פון צער.

דורך זיין דבוק צו א צדיק קענען מיר האבן א טייל אין דעם הייליגן צדיק'ס ברכות און דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין אי"ה צו אלע רפואות און ישועות. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב למוה"ר יצחק לאפאשינסקי הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו בשעטומ"צ**

**מזל טוב למוה"ר זלמן גאלד שליט"א לרגל שמחת לידת נכדתו לבנו מוה"ר אלעזר הי"ו**

**נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י**

**לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**